1033

# קריאת קודש

## דעת תורה מהרבנים הגאונים המובהקים עמודי ההוראה מנהיגי ומאורי ישראל שליט״א, ומהרה״ג רבני בתי מדרשות בב״פ אודות תיקון העירוב בשכונת

## בארא פארק יע״א

ב״ה

בהיות שנתייסד עירוב בעיר בארא פארק ע״י וועד רבנים מובהקים ועומדת תחת השגחת מורה הוראה מובהק הרב מוה״ר חיים יהודה כ״ץ שליט״א אב״ד סערדאהעלי ונעשית בחומרות והידורים, וכן יש וועד בעלי בתים חשובים נגידים ונשואי פנים העומדים בעזרה להוצאות שצריכים לתיקון העירוב ולמשגיח תמידי מדי שבוע בשבוע, ע״כ גם ידינו תכון עמהם לחזק ידי עושי מצוה, **ומצוה רבה על כ״א** לסייע במה שיכול כדי להעמיד העירוב על תלה כנהוג בכל תפוצות ישראל.

**וע״ז באו עשרים רבנים עה״ח בחודש טבת שנת תש״ס לפ״ק**

**והיות ומאז כבר הוסיפו גם מהחותמים מכתבים חשובים לחזק מצוה רבה זו**
**ע״כ מודפסים כל שמות הרבנים החותמים והכותבים יחדיו**

כ״ק אדמו״ר ממונקאטש שליט״א
(מכתב)

הגה״צ מו״ה **יחזקאל ראטה** שליט״א
אבדק״ק קארלסבורג
(מכתב)

הגה״צ מו״ה **שלום קרויס** שליט״א
אבד״ק אודווארי
( מכתב וחתימה)

הגה״צ מו״ה **אפרים פישל הערשקאוויטש** שליט״א
אב״ד האליין
(חתימה)

הגה״צ מו״ה **טובי׳ גאלדשטיין** שליט״א
ראש הישיבה עמק הלכה
ע״י תלמידו הרה״ג מו״ה בנימין רובין בשליחותו ובנוכחותו
(חתימה)

הגה״צ מו״ה **יוחנן סופר** שליט״א
אבד״ק ערלוי
(מכתב)

הגה״צ מו״ה **מנשה קליין** שליט״א
אב״ד ור״מ אונגוואר
(חתימה)

הגה״צ מו״ה **אהרן ווידער** שליט״א
אבד״ק לינז
(חתימה)

הגה״צ מו״ה **מנחם מענדל דובין** שליט״א
אבד״ק טוזשאי
(מכתב)

הגה״צ מו״ה **יעקב יצחק ניימאן** שליט״א
רב דק׳ מחזיקי הדת מאנטריאל
(מכתב)

הגה״צ מו״ה **חיים ישעי׳ קעניג** שליט״א
אבד״ק יאקע
(מכתב, חתימה)

הגה״צ מו״ה **ישראל מנחם גרינוואלד** שליט״א
אבד״ק פאפא ב״פ
(מכתב וחתימה)

הרה״ג מו״ה **שלמה הכהן גראס** שליט״א
דומ״ץ קהל מחזיקי הדת בעלזא ב״פ
(מכתב)

הרה״ג מו״ה **צבי הײלפערן** שליט״א
דומ״ץ דקהע״י וויען ב״פ
(מכתב)

הרה״ג מו״ה **גבריאל צייננער** שליט״א
אב״ד דקהל נטעי גבריאל
(מכתב וחתימה)

הרה״ג מו״ה **בן ציון שטראססער** שליט״א
דומ״ץ דק״ק נייטרא ב״פ
(מכתב)

הגה״צ מו״ה **שמואל שמעלקא לייפער** שליט״א
אדמו״ר מחוסט ור״מ תורת חסד
(חתימה)

הרה״ג מו״ה **בן ציון יעקב הלוי וואזנר** שליט״א
רב דבד״ץ ובית הוראה ״שבט הלוי״ מאנסי נ.י.
(מכתב)

הרה״ג מו״ה **שלום פסח לאנגסאם** שליט״א
מו״ץ בביהמ״ד בעלזא 50סטריט
(מכתב)

הרה״ג מו״ה **זלמן דוד ישעי׳ סופר** שליט״א
רב דק״ק כתב סופר ערלויא
(חתימה)

הרה״ג מו״ה **אשר אנשיל עקשטיין** שליט״א
מו״ץ בביהמ״ד בעלזא 18עוועו
(מכתב)

הרה״ג מו״ה **יוסף מאיר לייפער** שליט״א
אבד״ק טעמעשוואר
(חתימה)

הרה״ג מו״ה **יעקב קאפיל שווארץ** שליט״א
ראש ישיבה אהלי יעקב בעטח״ס יקב אפרים
(מכתב)

הרה״ג מו״ה **יעקב זיידא** שליט״א
דומ״ץ, ראש כולל הוראה למצויינים
(מכתב)

הרה״ג מו״ה **חיים אלעזר ברוין** שליט״א
בלאאמו״ר הגאון ר׳ שלמה זלמן זצלה״ה מח״ס שערים מצויינים
בהלכה אב״ד קהל שערי ציון
(חתימה)

הרה״ג מו״ה **דוד יצחק שיק** שליט״א
רב דק״ק תפילה לדוד
(חתימה)

הרה״ג מו״ה **יחיאל יעקב הכהן מיללער** שליט״א
אב״ד אייזנשטאט ורה״כ נועם אלימלך, ובית חנוך
(מכתב)

הרה״ג מו״ה **יוסף טויסיג** שליט״א
אבד״ק בעלער
(חתימה)

הרה״צ מו״ה **יצחק דוב הלוי יונגרייז** שליט״א
אדמו״ר מגארליץ
(חתימה)

הרה״ג מו״ה **ישראל אברהם אלטר טויב** שליט״א
אב״ד תולדות נפתלי
(חתימה)

הרה״ג מו״ה **משה חיים גאלד** שליט״א
אב״ד קראלי
(חתימה)

הרה״צ מו״ה **חיים מאיר י. מ. רובין** שליט״א
אדמו״ר מראפשיץ
(חתימה)

הרה״ג מו״ה **שלום יוסף האלפרין** שליט״א
אב״ד בית שמואל ראדיטשלא
באאמו״ר הגה״צ מו״ה אלחנן שליט״א
(חתימה)

*מכתבי הרבנים הגאונים הנ״ל שליט״א מודפסים בקונטרס מיוחד*

בעזהשי"ת

# טייערע ברידער תושבי בארא פארק ה' עליהם יחיו

## מיר דאנקן אייך זעהר וואס איהר זייט זיך משתתף מיט די הוצאות פון אונזער עירוב.

## מיט דעם נעמט איהר א חלק אין א מצוה וואס:

- העלפט צו אייער אייגענעם שמירת שבת קודש, ווי עס שרייבן אונזערע פוסקים ראשונים און אחרונים, ווי אויך די גדולי התורה וואס השי"ת האט אונז געגעבן אין אונזערע דורות און לעבען מיט אונז לאורך שנים טובות, זיי שרייבן אז עס איז כמעט אומעגליך נישט נכשל צו ווערען אין איסור הוצאה -אליין אדער די בני בית- אהן קיין עירוב.
- איז מונע חילול שבת פון טויזענטער אומוואוסנדע יידען ווי למשל אונזערע ברידער וואס זענען געקומען פון רוסלאנד אין מחמת כמה סיבות קען מען ביי זיי נישט פועל'ן נישט צו טראגן שבת. ווי אויך אמעריקאנער יידען נעבעך, און בכללם מענשען מיט "כשר'ע" שליסל האלטערס, וכדומה אנדערע התירים
- נעמט אוועק די חרפה פון די פסול'ע פריוואטע עירובין וואס אונזער געגענט איז געווען פול מיט דעם.
- איז גורם אז איהר מיט אייערע נאהנטע זאלען קענען האבן אשענערן עונג שבת, ווי עס זעהט זיך בעיקר אהן ווען עס איז דא א שמחה אין די משפחה. אדער סתם א שבת ווען מען קען ארויס גיין אויף דער לופט מיט קליינע קינדערלאך כן ירבו,
- מאכט אז יעדער איינער זאל הנאה האבן פון שבת, אפילו דער וואס האט נישט ווער עס זאל בלייבן מיט די קליינע קינדער. קיינער זאל נישט טראכטן פון דעם ליעבן שבת קודש ווי א תפיסה ר"ל.
- גיט אריין א פרייד אין עלטערע יידען ווען זייערע קינדער קענען קומען באזיכן אינמיטן שבת קודש אדער אויף א סעודה צום עסען. אהן דעהם וואס מען זאל זיך דארפן "אריבער ציהן" אויף דעם גאנצן שבת מיט אלע אהנגאנגעמעקייטן (בגשמיות וברוחניות) וואס זענען פארבונדן מיט דעם.
- העלפט לייכטער מאכן פאר עלענטע אין קראנקע אין שפיטאל ווען מען קען זיי באזוכן אין ברענגען אביסל ווארעמע פרישע מאכלי שבת.
- פארמיידט שאלות פון דאקטורים אין הצלה לייט ווען זיי קענען נישט אזוי שנעל פרעגן א שאלה אין יעדע מינוט שפילט א ראלע.
- ערמעגליכט עלטערע יידען וואס מוזען גיין מיט שטעקנס אדער "גייערס" אז זיי זאלען קענען גיין דאווענען מיט אלע יידען.
- ראטעוועט אידען פון פארשידענע מסוכן'דיגע אטאקעס פון מחלות ל"ע. דאס זענען אידען וועלכע מוזן מיט נעמען מיט זיך כסדר זייערע מעדיצינען. אבער אהן איין עירוב פלעגען זיי זיך מחמיר זיין, נישט קענענדיג ביי זיך פועל'ן צו טראגן אום שבת. און שוין כמה פעמים פאסירט אומגליקען ר"ל.
- פארלייכטערט דאס מוטשעניש פון משפחות וואס האבן ביי זיך אין שטוב איין אינוואליד ל"ע, ווען ביז יעצט זענען זיי געגוועז אנגעוויזען אויף די "חסדים" פון די גויים מיט אלע שוועריקייטן וואס דאס איז גורם, סיי פאר דעם אינוואליד אדער זקן, וואס פילט ווי א לאסט אין שטוב, און סיי פאר די משפחה וואס באקומט אריין איין אומגעוואונטשענעם, קאסטבארן "בן בית" יעדען שבת קודש וד"ל.
- ברענגט אריין א קדושה אין די יידישע גאסען. ווי די הייליגע ספרים שרייבען אז די יידישע שטובער ווערן פארהייליגט דורך די מצוות וואס מען טוט אין זיי. און די יידישע גאסען ווערען פארהייליגט דורך דעם שבת'דיגן עירוב.

# הוצאות פון עירוב.

אונזער עירוב שטייט אין מיטן שטאט. א לעבעדיגע שטאט ווי ניו יארק וואס מען האלט אין איין בויען און פאררעכטן. דארף מען האבן א ספעציעלע השגחה, ווי אויך די מעגליכקייטן, אין מענטשן און אין כלים. צו זיין גרייט אויף פארשידענע שינויים יעדע וואך. למשל: א הויז ווי דער צורת הפתח איז באהאפטן ווערט איבערגעבויט, אדער די שטאט בויט אויף יענע גאס. א גדר וואס איז געווען א חלק פון עירוב ווערט אראפ גענומען. מען בויט צו עטוואס צו א הויז און דורך דעם מוז מען איבער שטעלן די לחיים. עס קומען צו יידישע גאסען און מען דארף פארברייטערן, און פארקערט א הויז ווערט פאר קויפט פאר גוי. א.א.וו.

די אלע סיבות פון דעם זענען צוליעב די הידורים וואס די חשובע רבנים פון דעם עירוב ובראשם הגה"צ מסערדעהעלי שליט"א האבען איינגעפירט, אז דער עירוב זאל זיין אויס געהאלטן לויט אלע אנגענומענע שיטות, אויך אז די עירוב אויסגעהאלטן לשיטת הרמב"ם וואס עס מוז זיין עומד מרובה, וואס לפי ידיעתינו איז דאס די איינציגע גרויסע שטאט אין די וועלט וואס פרואווט יוצא זיין דעם הידור. אויך די פארשידענע עצות אין מיטלען וואס די עסקנים און משגיחים האבן אויפגעבויט און אוועקגעשטעלט אז סאיז כמעט אוממעגליך בדרך הטבע דער עירוב זאל פסול ווערן אום שב"ק.

די הוצאות פון אויף שטעלן דעם עירוב האבן גענומען אויף זיך יחידים צו דעקען. עטליכע דורך געלט. און די הויפט זאך דורך מסירת נפש. די שווערע פיזישע ארבעט. בייטאג אין ביינאכט. במשך דעם גאנצן ווינטער וואס דער עירוב איז געבויט געווארן. און כמעט רובו ככולו איז אונזער עירוב געבויט געווארען דורך היימישע יונגעלייט בדחילו ורחימו. אשרי חלקם וועלכע האבן אריין געכאפט די גרויסע מצווה דרבים. הקב"ה ישלם שכרם. אבער דאס אויס האלטן פון עירוב, די טאג טעגליכע הוצאות, האבן די רבנים גדולי ישראל שליט"א זיך אויסגענומען, אז דאס מוז קומען פון ברייטן עולם. ווייל אזוי ארום וועט דאס זיין א דבר של קיימא.

הן אמת אז עס זענען געווען וועלכע האבן זיך געוואונדערט מהיכן ירק זה חי ? ווער וועט דאס דעקען. ווער וועט גאראנטירן אז עס וועט זיין געלט כסדר..אבער פאר אונז איז נישט געווען קיין ספק אפילו איין מינוט, נישט פריער אין אויך נישט יעצט, אז עס וועט זיין גענוג געלט. די חז"ל לערנען אונז ישראל קדושים הם. נתבעים ונותנים. הייליגע יידען געבען ווען מען בעט זיי. דער דאזיגער מאמר חז"ל איז אונזער בעסטע גאראנטיע אז עס וועט אייביג זיין געלט אויף א דבר מצווה.

דער בודזשעט פון דעם עירוב יעצט איז בערך $50.000.00 פופציג אלפים א יאהר. דאס זענען הוצאות פון מאטעריאל, משגיחים, אינשורענס, לייעביליטי. אפיס. טעלעפאנען. רענט (פאר גויים ווי די לחיים ליגען) טראקס אין קארס.

מיר טוען אונזערס און בעטן אייך. מיר בעטן אייך זיך משתתף זיין מיט דעם עירוב. אין איהר טוט אייערס און גיט אייער חלק בתשיאות חן. מיר בעטן יעדע משפחה אנטייל צו נעמען לכל הפחות מיט בערך איין דאלער א וואך. דאס הייסט פופציג דאלער א אגאנץ יאהר ( 50.00). און וועמען דער איבערשטער האט באשאנקען מיט אביסעל מעהר הרווחה, בעטן מיר צו נעמען אויף זיך די הוצאות פון איין צורת הפתח. דאס איז א סכום פון $360.00 א יאהר ושכרו כפול ומשולש. אדער נעמען דעם זכות פון גאנצען שטאטישען עירוב אויף איין שבת, פון א יאהרצייט וכדו׳ פאר א סכום פון $1000.00 א יאהר. און מיט דעם וועט איהר ווערען א שותף צו אזא גרויסע מצווה. הן פון שמירת שבת קודש. הן פון גמילת חסדים, הן פון די מצווה פון עונג שבת.

די הוצאות שבת ויום טוב רעכנט מען נישט אראפ פון די פרנסה וואס איז באשערט. טאמער איז נאך די הוצאה פאר עונג שבת, האט די תורה אונז צוגעזאגט, וקראת לשבת עונג וגו׳. והאכלתיך נחלת יעקב וגו׳. מען וועט קריגן שכר דערפאר א נחלה אהן קיינע גרעניצן, אזא גוטס וואס שטייט נאר ביי שבת.

החותמים בתודה ובברכה

הנהלת וועד העירוב דבארא פארק

**All contributions are tax deductible. Make checks to Eruv Society of Boro Park.**

1419 44 St. Brooklyn NY 11219 (718)853-7850 Fax Back (718)438-7411 Hot Line בבל ערב שב"ק (917)293-ERUV(3788 )



בינדט צו א בענדל צו
א קורה מען זאל קענען
ליכט דערקענען אויב
עס איז כשר

הגה"צ מסערדעהעלי
שליט"א מיט דעם משגיח
און עסקנים שיחיו
קוקן איבער איין
איבער געשטעלטן
צורת הפתח

מעסט מיט א חוט
המשקולת צו דער לחי
איז מכוון אונטער די קורה

מהייבט אויף א לחי
בערך 28 פוס (למעלה
מגמל ורוכבו) אויף
א פלאץ ווי מען בויט

די עירוב טראק איז נדבת לבו פון ידידינו החשוב רב פעלים לתורה ולחסד ולמצוות הרבני החסיד ר' וואלף זיכערמאן ורעיתו שיחיו לאוי"ט